ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of The Shluchim Office




כ"ה תשרי תשס"ו

## פרשת בראשית




### בראשית

**שהכל נהי' בדברו**

דער אנהויב פון דער גאנצער תורה איז: "**בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ**" - די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן דורך דעם אויבערשטן.

דער אויבערשטער איז דער באשעפער סיי פון "שמים" - די הימלען, אריינגערעכנט די העכסטע הימלען ("שמי השמים"): און סיי פון "ארץ" - די ערד, ביז דעם ווייטסטן ווינקל פון דעם ערד קוגל: סיי "את השמים", ווי די חז"ל זאגן אז דאס מיינט די "צבא השמים", סיי "את הארץ" - די "צבא הארץ".

און וואס איז דער תכלית פון זייער באשאף?

איז רש"י מפרש, אז דאס איז אנגעדייט אין ווארט "בראשית" - ב' ראשית". די וועלט איז באשאפן געווארן צוליב צוויי זאכן וועלכע ווערן אנגערופען "ראשית" - אידן און תורה. דאס מיינט: די גאנצע וועלט מיט אלע אירע איינצלהייטן זיינען באשאפן געווארן כדי אז יעדער איד זאל זיך פירן מיט אלע זאכן אין וועלט לויט די אנווייזונגען פון תורה.

און דערפאר איז דאס דער אנהויב פון גאנץ תורה, ווייל אט דער אנזאג און הוראה איז דער "יסוד" פון דעם לעבן פון יעדער אידן און כלל ישראל. בשעת א איד ווייס קלאר אז אלץ איז באשאפן געווארן פון אויבערשטן, איז יעדע זאך וואס ער טוט נאר אין דער וועלט, וועט זיין לויט דעם רצון פון אויבערשטן און לויט די אנווייזונגען אין דעם אויבערשטנ'ס תורה.

דערפאר זעען מיר, אז איידער א איד טוט אזא פשוט'ע זאך ווי נעמען א טרונק וואסער, מאכט ער פריער א ברכה "שהכל נהי' בדברו" - אלץ איז באשאפן געווארן מיט די רייד פון אויבערשטן. דער איד דאנקט דעם אויבערשטן ניט נאר פאר דעם קליינעם טרונק וואסער, נאר פאר דעם גאנצן באשאף פון דער גאנצער וועלט - "שהכל נהי' בדברו": די גאנצע וועלט, סיי שמים און סיי ארץ מיט אלע זייערע הערשן, זיינען באשאפן געווארן דורך די רייד פון אויבערשטן, ווי די חז"ל זאגן "בעשרה מאמרות נברא העולם" (מיט צען "מאמרות" איז די וועלט באשאפן געווארן).

נאך מער:

די שליחות פון א אידן איז צו אנטפלעקן אין גאנץ וועלט אז "ברא אלקים" - זי איז באשאפן געווארן דורך דעם אויבערשטן, דאס איז אויך

---

איינער פון די טעמים פארוואס דער ערשטער "מאמר" איז "ויאמר אלקים יהי אור" - "ג–ט האט געזאגט עס זאל ווערן ליכטיק": ווען עס איז ליכטיק אין אן ארט, איז אלץ וואס איז דא אין דעם ארט ווערט אנטפלעקט, אפן און קלאר. דער תכלית איז צו ליכטיק מאכן די וועלט און צו אנטפלעקן אין גאנץ וועלט די אנערקענונג אז זי איז באשאפן געווארן פון דעם אויבערשטן: ובמילא פירט זיך די וועלט לויט דעם רצון פון אויבערשטן, ובמילא ווערט עס די אמת'ע ליכטיקע וועלט, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות.

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער שיחת כ"ד כסלו תשנ"ב)*

---

טייערע קינדער שלוחים,

א נייע יאר! א נייע אנהויב!

מיר קומען יעצט פון תשרי מיט אנגעפאקטע זעקלאך. אנגעפאקט מיט רוחניות'דיקע זאכן אויף א גאנץ יאר. מיר האבן גענומען פון ראש השנה און יום כיפור אלע ברכות פאר דעם נייען יאר, און דורך די טעג פון סוכות און פון שמחת תורה האבן מיר גענומען די כחות דורכצופירן אונזערע שליחות'ן מיט שמחה.

קינדער, פון די הייליקע טעג פון יום טוב האבן מיר די כחות אויף א נייע יאר, נאר, מיר האבן נאך איין זאך אריינצוכאפן – די כחות פון שבת בראשית. דער רבי שרייבט א באוואוסטע ווארט פון די רביים, אז "אזוי ווי מען שטעלט זיך אוועק שבת בראשית, אזוי פירט זיך א גאנץ יאר". דאס איז די שבת אריינצוכאפן די לעצטע כחות פון חודש תשרי.

קינדער, איך בין זיכער אז איר האט אלע אסאך צו דערציילן פון דעם גאנצע חודש אין אייער בית חב"ד. איך וויל איר בעטן דאס איינשרייבן, אז אלע אייערע פריינט זאלן דאס קענען ליינען. ביטע שיקט אריין אייערע "שליחות – תשרי ס"ו" מעשות צו די שלוחים'ס אפפיס און מיר וועלן דאס אי"ה דרוקן אין די קומענדיקע צייטונגען.

קינדער, איך וואונטש אייך אלע אן א גוט געבענטשטע פריילעכע יאר מיט אלע ברכות, און מיר זאלן שוין,נאך פארן סוף תשרי, זען זיךמיטן רבי'ן אין ירושלים מיט די גאולה האמיתית והשלימה!

א. וועכטער